NUMBER 4 1923

MILGROIM

A YIDDISH MAGAZINE OF ART AND LETTERS

Editors Dr. M. Vishnitzer and M. Kleinman.

Art Editor Rachel Vishnitzer.

CONTENTS.

THE MOTIVE OF THE PORCH IN BOOK ORNAMENTATION . BY RACHEL VISHNITZER
WITH ILLUSTRATIONS.

THE ENGRAVING. A CHAPTER FROM THE HISTORY OF THE GRAPHIC ARTS . . . . BY HERMANN STRUCK
WITH REPRODUCTIONS OF WORKS BY REMBRANDT, JOZEF ISRAELS, MAX LIEBERMANN, HERMANN STRUCK, H. GLICENSTEIN AND JACOB STEINHARDT.

INTÉRIEUR. A POEM . . . . BY L. KVITKO

LEONARDO DA VINCI. A BIOGRAPHICAL STUDY . . . . BY OLGA PEVSNER-SCHATZ
WITH A PORTRAIT OF LEONARDO

BLACK IS THE NIGHT. A POEM . . . . BY S. TSCHERNICHOVSKI

MAX NORDAU AS AN ART CRITIC . . . . BY RACHEL VISHNITZER

FROM MAX NORDAU'S CRITICISMS ON ART

THE DISCOVERIES OF ELEPHANTINE . . . . BY M. LURIE
WITH A REPRODUCTION OF A FRAGMENT OF AN ARAMAIC PAPYRUS.

THE MYSTERY, HORROR, IN A GOODS-TRAIN. STORIES . . . . BY J. OPATOSHU

RAINBOW . . . . BY MOSES STAVSKI

ART AND LETTERS . . . . BY R. V. AND H. B.

THE DESIGN ON THE COVER HAS BEEN TAKEN FROM THE HAGGADAH OR. 2884 OF THE BRITISH MUSEUM, 14th. CENTURY.

קונסט און ליטעראַטור כראָניק

קינדערשטימע, Voice of the Children. אַ זאַמלונג פון דערצעהלונגען, געשריבן, געדרוקט און אילוסטרירט פון די שולקינדער אין דער „מאָדערנער שולע“ פון סטעלטאָן, ניו־זשערסיי, נומער 4, סעפּטעמבער 1922 (אין ענגלישער שפּראַך). — די דאָזיגע צייטשריפט איז אַ אינטערעסאַנטער פּרוב אויף׳ן געביט פון ערציהונג. אין אַ נאָכוואָרט פונ׳ם לעהרער פּויל סקאָט ווערט באַשריבן, ווי אזוי ס׳געהט צו דאָס לערנען אין דער דאָזיגער שולע. אייגנטליך לערנט מען דאָרט גאָר ניט אין יענער שולע, אויב מיר זאָלן פאַרשטעהן דעם ענין לערנען, אַזוי ווי מיר זיינען צו דעם געוואוינט פון אונזער שולצייט. קיין גראַמאַטיקע ווערט דאָרט איבערהויפּט ניט געלערנט. די קינדער, פון פאַרשיידענער עלטער, — אַלזאָ לחלוטין געגען אונזער געוועהנליכער גרופּירונג אין די שולן, — אַרבייטן אַלע אינאיינעם אין א דרוקעריי, וועלכע איז ספּעציעל פאַר דעם איינגעאָרדנעט. זיי לערנען זיך אויס שרייבן, — שוין אין עלטער פון 7 יאָר און אפילו נאָך פריער געוועהנט מען זיי אויפצושרייבן די איבערלעבונגען זייערע, אָדער אפילו נאָר וואָס זייער פאַנטאַזיע קלערט צו, — זעצן און דרוקן. ווער ס׳האָט חשק, אילוסטרירט אויך זיינע מעשה׳לעך מיט האָלצשניטן, וועלכע ער האָט אַליין געמאַכט. די פעהלער ווערען ניט פאַרבעסערט, סיידן דער תלמיד ווענדט זיך אַליין צום לעהרער נאָך אַ עצה. איידער מ נעהמט זיך צונויפשטעלן אַ נומער, פאַרזאַמלען זיך אַלע קינדער און באַראָטן צווישן זיך וועגן פאָרמאַט, דער פאַרב פונ׳ם פּאַפּיר, די צאָל פון די זייטען, ווען זאָל די נומער ערשיינען, וויפיל עקזעמפּלאַרע און א. וו. יעדער פון די קינדער באַקומט אַ קאָרעקטור פון זיין אַרבעט, און אַליין פאַרריכט ער ווי אזוי ער פאַרשטעהט. דער לעהרער נעמט ערשט ארומרעדן דאָס העפט, ווען ס׳איז שוין אַרויס פון דרוק און דאַן ווייזט ער אָן אויך אויף די פעלער.

אין דער צייטשריפט מערקט זיך אַן אומגעוועהנליכער ענטוזיאַזם פון די קינדער, וועלכע מאַכן זי. אויב אַפילו די ביי־טרעגע זיינען ניט העכער ווי מ׳קאָן ערוואַרטן פון קינדער אין אַזאַ עלטער, דאַרף מען דאָך באַגריסן אַזאַ מוטיגן דרך אין דער ערציהונג, וואו די קינדער געוועהנען זיך אָפּצוגעבן זיך מיט אַ באַשעפטיגונג פון וועלכער זיי פאַרשטעהן דעם זין און דעם ציעל, אַנשטאַט זיי צו מאַטערן מיט׳ן אויסלערנען גראַמאַטישע כללים, וועלכע זיי ערלערנען דאָ לחלוטין אָן מיה.

פון די נעמען פון די קינדערשע מחברים קאָן מען זעהן, אַז דאָס זיינען צומייסטן קינדער פון יידישע עמיגראַנטן. זיי הייסן: פרומקין, גאָלדבלאַט און אזוי ווייטער. אין זשורנאַל־אַליין ווערט געזאָגט, אַז די שפּראַך פון די קינדער אין דער היים איז נ י ט ענגליש.

שאַגאַלס נאָטיצן פון זיין אייגענעם לעבן, ערשיינען בקרוב אין דייטשער שפּראַך בא פּויל קאַסירער אין בערלין. אין דעם זעלבן פאַרלאַג ערשיינט אויך זיינע אַ בילדער־מאַפּע.

מרים מאַרגאָלין, מאיסעלאַך פאַר קליינע קינדערלאַך, אילוסטרירט פון י. ר י ב אַ ק, פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקסאויפקלערונג 1922 געדרוקט] אין בערלין. דאָס ביכל ענטהאלט אַ זאַמלונג פון לעזע־שטאָף פאַר קינדער מיט גאנצזייטיגע שוואַרץ־ווייסע אילוסטראַציעס. צווישן די בכיוונ׳דיגע און אַביסל אַפילו איבערטריבן פּרימיטיווע מאָלעכצן פון מענשן, הייזער, טישן א. ד. גל. צייכנען זיך אויס די צייכנונגען פון אַ קאַץ, אַ פויגל, אַ האָן, וועלכע זיינען קונסטגעווערבליך סטיליזירט אַזוי ווי נאָר גרויסע קאָנען עס. חוץ דעם ווירקט דאָס קינדערביכל זעהר אָנגענעהם.

Thesaurus Typographiae Hebraicae Saeculi XV. זאַמלונג פון העברעאישע דרוקן פונ׳ם 15־טן יאָרהונדערט, אַרויסגעגעבן פון פּראָפעסאָר דר. א. פ ר י י מ אַ ן, אין פאַרלאַג פון מאַרקס עט קאָמפּ. בערלין. אין דעם דאָזיגן גרויס־פאַרטראַכטן בוך, וועלכער ערשיינט העפטן־ווייז, וויל דער מחבר אונז ווייזן פּראָבעס פון די ערשטע געדרוקטע ספרים אויף העברעאיש. אַזעלכע ספרים געפינען זיך היינט בא אַ 120 און זיי זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע ביבליאָטעקן אין פאַרשיידענע לענדער, און נאָר צום טייל זיינען זיי פאַרעפענטליכט געוואָרן. אין דעם בוך האָט מען בדעה אונז מיט זיי אַלע צו באַקענען דורך דעם אָפּדרוקן פון יעדן פּראָבע־זייטן, אילוסטראַציעס, אָרנאַמענטן וכדומה. אויף אַזאַ אופן וועלן מיר קאָנען באַקומען אַ אַלגעמיין בילד פון דער אַלטער העברעאישער טיפּאָגראַפישער קונסט.

פ. סאַררע, איסלאַמישע בוך־איינבונדען, פאַרלאַג סקאַראַבעאוס, בערלין 1923. דאָס איז דער ערשטער באַנד פון אַ סעריע „בוך־קונסט פונ׳ם מזרח“. ערשט גאָר ניט לאַנג האָט מען אָנגעהויבן אויפמערקזאַם ווערן אויף דער מיניאַטור־מאָלעריי, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין מעסאָפּאָטאַמיע, פּערזיע, און אינדיע אין דער צייט פון דער איסלאַם־הערשאַפט. דערביי האָט מען אויף דעם איסלאַמישן איינבונד גאָר קיין אַכט געלעגט, אָדער נאָר אויבערפלעכליך באַהאַנדעלט. די דאָזיגע פּראַכט־אויסגאַבע ענטהאַלט 36 טאָוולען, וועלכע ווייזן אונז די איינבונדן פונ׳ם 9־טן יאָרהונדערט אָן.

בער באָלעכאָווער. זכרונות פון אַ פּוילישן ייד פון די יאָרן 1723—1805 אַרויסגעגעבן מיט אריינפיר און דערקלערונגען פון דר. מ. ווישניצער באַם כלל־פאַרלאַג אין בערלין. אין דעם דאָזיגן ביכל געפינען מיר ווערטפולן מאַטעריאַל וועגן דער קליידונג און צירונג פון די יידישע פרויען, אויך וועגן דער הויכער אנטוויקלונג פון דער יידישער גאָלדשמידעריי אין לעמבערג אין יענע צייטן.

אונטערן טיטעל **„באָז׳אַר“ (Beaux-Arts)** ערשיינט אַ נייער פראַנצעזישער קונסט־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון טעאָדאָר ריינאַך און אַנדערע. דער זשורנאַל איז געווידמעט מוזעאום - פראַגן, דענקמאָלער־שוץ, פּעדאַגאָגישע פראַגן, א. א. וו.

אַ נייע הגדה. די צייכנערין פראַנציסקאַ באַרוך האָט אָנגעשריבן מיט דער האנט אַ הגדה של פסח. דאָס איז זיכער דער ערשטער פאַל, ווען אַ רעליגיעזער ספר ווערט געשריבן דורך אַ אשה. די אילוסטראַציעס האָט געגעבן יעקב שטיינהאַרדט. דאָס אויסשטעלן דעם טעקסט, דאס כתב, דער האָלצשניט־סטיל פון די בילדער — אַלעס איז אין גייסט פון טראַדיציע אויסגעפירט. די שטימונג, מיט וועלכע עס עטעמען די אילוסטראַציעס, איז אַ נייע. עס שטעקט אין איר אַ שווערער ערנסט און ווען באַם לעזער געוויס ניט אַרויסרופן יענע פרעהליכע זאָרגלאָזיגקייט, וועלכע ער געדענקט פון דער קינדהייט אין די סדר־נעכט. פון אלע פּרובן, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן געמאכט געוואָרן ארויסצוגעבן א שיינע הגדה, איז דאָס אודאי דער גליקליכסטער. דאָס ווערק איז ערשינען באַ פערדינאַנד אָסטערטאַג אין בערלין.

מענשעלאך און סצענעס פון רחל שליט־מאַרקוס. דאָס איז שלום־עליכם איבערגעזעצט אין בילדער. זעלטן טרעפט עס, אַז אַ קינסטלער זאָל זיך אַזוי אַריינלעבן אין דעם ווערק, וועלכעס ער נעמט אילוסטרירן, ובפרט באַ היינטיגע צייטן, ווען דער קינסטלער פילט זיך על פי רוב פעהיג נאָר צו שטימונגס־אילוסטראַציע. דאָ אָבער רעדט צו׳ן אונז אַ שלום־עליכם׳שער הומאָר, וועלכער שטייגט אויף צייטנווייז צו אַ בייסנדער סאַטירע. מ׳זעהט דאָ אַ זיכערע באַהערשונג פון די פיזיאָנאָמיען. ס׳איז אַ פרייד אָנצוקוקן די פאַרשיידנאַרטיגע געזיכטער, געשטאַלטן, האַנדלונגען א. א. וו. נאָך אַלע יענע, משטיינסגעזאָגט, „יידן־קעפּ“ פון אונזערע גראַפיקער, וועלכע האָבן כמעט אלע איין פנים. ס׳איז נאָר אַנ׳עברה, וואָס שלום עליכם׳ס ערצעהלונג „מאָטל פּייסי דעם חזן׳ס יינגל“, פון וועלכער ס׳איז גענומען דער טעקסט פונ׳ם בוך, איז ניט געגעבן געוואָרן אינגאנצן. אַצינד האָבן מיר אַ בילדערבוך מיט אַביסל צו לאַנגע פירושים, אַרויסגענומען פונ׳ם טעקסט, וועלכע כאָטש זיי זיינען געשיקט אויסגעקליבן, קאָנען זיי דאָך ניט ממלא זיין דעם אָרט פון שלום־עליכם׳ן אַליין. דער כלל־פאַרלאַג האָט מיטגעהאָלפן דער קינסטלערין מיט׳ן פאָרמאַט, אויסשטאַטונג, קוואַליטעט פונ׳ם פּאַפּיר, און דעם דרוק פון אירע ליטאָגראַפיען ארויסברייגען א שיין בוך. צום ווערק האָט געשריבן אַן הקדמה בעל־מחשבות.

קונסטגאַלעריע פון ווייטשעפּל. אין לאָנדאָנער פערטל ווייטשעפּל וואו עס וואוינען צומייסט אַרבייטער און יידישע עמיגראַנטן, עקזיסטירט שוין זייט אַ יאָר 40 אַ קונסטגאַלעריע, וועלכע האָט זיך געשטעלט דאָס ציעל, אריינ־צובריינגען די קונסט אין די ברייטע מאַסן. אַצינד געפינט זיך די אַנשטאַלט אין אַ געדריקטער פינאַנציעלער לאַגע און ווענדט זיך צום כלל בעטענדיג שטיצע.

ערשט נאָר וואס איז דאָרט פאָרגעקומען אַ אויסשטעלונג פון מאָדערנער ענגלישער קונסט. פון די יידישע קינסטלער, וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין דער אויסשטעלונג, ווייזן מיר אָן אויף פראָפ. ראָטענשטיין, א. א. וואָלמארק, דוד באָמבערג, לוסיען פּיסאראָ (דער זון פון דעם באקאנטן אימפּרעסיאָניסט קאַמיל פּיסאראָ) און יעקב קראַמער.

מאַקס ליבערמאַנן'ס ווערק ווערן איצט אויסגעשטעלט אין מינכען.

אַ וועלט־אויסשטעלונג. די שטאָט פילאַדעלפיע גרייט צו אויפ'ן יאָר 1926 אַ וועלט־קונסט־אויסשטעלונג וועלכע וועט ווייזן די באַריהמטעסטע קונסט ווערק פון אלע מוזעען אין דער וועלט.

יידישער טאַנץ. בשעת ווען אויפ'ן געביט פון כאראקטער־טאנץ זיינען פאראן רוסישע, פוילישע, גרוזינישע, אונגארישע און נאך אנדערע טענץ, ווייסט די כאָרעאָגראַפיע גארניט וועגן יידישן נאציאנאלן טאנץ. דער באלעט, וועלכער אילוסטרירט די אייגנשאפטן פון פארשיידענע נאציעס דורך דעם וואס ער פירט אויף זייערע נאציאנאלע טענץ — דעם טשארדאש, די לעזגינקע, די מאזורקע, דעם טרעפאק און דעסגלייכן, — ווייסט ניט וואס צו ווייזן פון דער יידישער כאראקטעריסטישער טאנץ־פיגור. ה' אגדתי האט עס אויף זיך גענומען צו מאכן דעם יידישן טאנץ ביהנען־פעהיג, אים אויפהויבן צו דער מדרגה פון קונסט. ער האט אויסגעלערנט די חסידישע טענץ אין דרום־רוסלאנד, די תימנישע טענץ אין פאלעסטינא און האט אויך געפרובט אליין שאפן טענץ אויף'ן יסוד פונם יידישן לעבן. אט, למשל, פון די ריטמישע באוועגונגען פון לאנד־ אדער שאסיי־ארבעטער אין ארץ־ישראל (חלוצים) בא זייער ארבעט. אויף זייט 27 און 28 זיינען פארגעשטעלט ה' אגדתי'ס צוויי טאנץ־נומערן, איינעם א חסידישן דעם אנדערן א תימנישן טאנץ, אזוי ווי ער האט זיי אויפגעפירט היינטיגען ווינטער אין בערלין.

די קאָסטיומען, וועלכע זיינען געמאכט לויט דעם ענטוואורף פון ה' ב. אהראנ־סאָן, האבן פיל געהאלפן צום איינדרוק, וואס דער טענצער האט געמאכט. ריין דינאמיש, אבער — וועלכעס איז דאך דער עיקר — האט דער טאנץ געווירקט אביסל איינטאניג. די ריטמען זיינען געווען צו לאנגזאם, כדי צו קענען זיך פארשמעלצן אין א כאראקטעריסטישן באוועגונגס־בילד. דער וועג צו אנטוויק־לען דעם יידישן טאנץ ליגט אלזא אויפן געביט פון דער טעכניק, וועלכע מ'דארף ערשט. גובר זיין. דעם פרוב דארף מען אבער יעדנפאלס באגריסן.

ר. וו.

די קונסט אין סקאַנדינאַוויען. — צוליב דער וועלט מלחמה איז קאָפּענהאַגען געוואָרן אַ מיטלפונקט פונ'ם מאָדערנען קונסט־לעבן. פאַר'ן קריג האָט זיך שוין דער פראַנצויזישער אימפּרעסיאָניזם דורכגעשלאָגן אַ וועג קיין דענעמאַרק איבער נאָרוועגען. אינם לעצטן יאָר פאר דעם קריג האָט דאָרט געווירקט אויך די יונגע רוסישע קונסט. אין דער לעצטער צייט האָט אויך דער עקספּרעסיאָניזם זיך געפּרובט צו געווינען דענעמאַרק פיר זיך. אזוי האָט עמיל נאָלדע, איינער פון די פירער פונ'ם דייטשן עקספּרעסיאָניזם, וועלכער איז דורך דעם איבערגאַנג פון צפון־שלעזוויג צו דענעמאַרק געוואָרן אַ דענישער בירגער, אויסגעשטעלט זיינע זאַכן אין דער גרעניגען־אויסשטעלונג.

ווילהעלם וואַנשער'ס ווערק אין דענישער שפּראַך וועגן „איטאַליע און דעם גרויסן סטיל" פאַרדינט גרויסע אויפמערקזאמקייט. עס איז דער ערשטער פּרוב צו געבן אַ אַלגעמיינעם באַגריף פון דער גאַנצער איטאַליענישער קונסט, פּאָעזיע, מוזיק פאַר דער צייט זייט די עטרוסקער ביז צום באַראָק. דער חיבור הויבט אָן מיט האָראַץ און ווירגיל און מיט די גרויסע אַרכיטעקטורען פונ'ם פּאַנטעאָן און קאָלאָסעאום און פיהרט איבער דער קירכליכער פּאָעזיע פונ'ם מיטלאַלטער ביז צו דער הומאַניסטישער רענעסאַנס פונ'ם 14־טן יאָרהונדערט און פון דאַן איבער דאַנטע, דזיאָטאָ און די קלאַסיש־אינספּירירטע קירכן־געביידן און ווייטער ביז צו דער הויך־רענעסאַנס און דעם באַראָק פון אַריאָסט, טאַסאָ, פּאַלעסטרינאַ, בערניני, באָראָמיני. אומעטום באַמיהט זיך דער מחבר צו דערווייזן, אַז דער רוימיש־איטאַליענישער כאַראַקטער פון דער קונסט האָט זיך אַנטפּלעקט אין די פאַר־שיידענע צייטן פּאַראַלעל דורך סטיליסטיש פאַרבונדענע אויסדרוקספאָרמען. דערביי געפינט ער ארויס צוויי טיפּישע סטיל־אַרטן: דער ריטמיש־צוזאמענהענגענדער (דראַמאַטיש־באַראָקער) און דער שאַרפער (אָנזעהליכער), און ער זעהט זיי אין אלע קונסט־שאַפונגען, אין דער רעטאָריק פון ליוויוס פונקט אַזוי ווי אין די פרעסקן פון ראַפאַעלן. די געגנזייטיגע דורכדרינגונג פון אָט דיביידע סטיל־אַרטן מאַכן עס אויס דעם „גרויסן סטיל". דאָס איז די אייגנאַרט פונ'ם איטאַליענישן כאַ־ראַקטער, וועלכן וואַנשער באַצייכענט מיט'ן וואָרט „ערנסט", דער גרויסער צו־זאַמענשפּיל פון קרעפטן און היפוכים. באמערקענסווערט איז, ווי אזוי אונזער מחבר קריטיקירט טיציאַן'ען און מיקעל־אַנדשעלאָ: דעם ערשטן ווייזט ער בכלל אָן אַ זעהר באַשיידענעם אָרט; דעם צווייטן וואַרפט ער אויס, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען צו פאַראייניגן די פּלאַסטיק מיט דער ארכיטעקטור.

אונזער מחבר האָט, ווי עס זעהט אויס, גענאַשט פון וועלפלין, ריגעל און אַנדערע, נאָר ער איז שוין אַוועק צו ווייט.

דאָס עפּאָכע־מאַכענדע בוך פונ'ם קאָפּענהאַגער ביבליאָטעקאַר דיעטלעף ניעלסען, „דער דרייאייניגער גאָט", פאַרדינט אויפמערקזאמקייט ניט נאָר פון רעליגיאָנסגעשיכטליכן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון קונסט־אַרכעאָלאָגישן. געשטיצט אויף סעמיטישע דענקמאָלער פון פאַר קריסטוס צייט, און באַזונדער אויף די אין לעצטער צייט געפונענע אַראַבישע אויפשריפטן, ווייזט דער מחבר אויס, אז די דרייאייניגע גאָט־פאָרשטעלונג, וועלכע איז געוואָרן די הערשענדע אין קריסטענ־טום, שטאַמט פון סעמיטישע קולטן. זעהר אינטערעסאַנט זיינען אויך זיינע באַ־מערקונגען וועגן דער פאַרשמעלצונג פונ'ם מיסטישן גאָט מיט דער אידעע פון דער יידישער נבואה. לויט דער מיינונג פונ'ם מחבר איז יעזוס קריסט געווען פונקט אַזוי אַ מאָנאָטעאיסט ווי אַלע יידן, ער האָט זיך גאָר ניט אויסגעגעבן אלס גאָטס־זוהן, נאָר פשוט אַלס אַ מענשן־קינד און איז ניט געטויט געוואָרן פון די יידן צוליב זיין אמונה, נאָר דורך די רוימער אַלס רעוואָלוציאָנער, וויל ער האָט פּרעטענדירט אויף דער יידישער מלוכה־קרוין. ער פאַרגלייכט די ספורים פון יעזוס'עס מפתים מיט די ספורים וואָס יידן דערצעהלן וועגן זייערע אַלטע צדיקים און געפינט אין זיי אַ מערקווירדיגע עהנליכקייט.

ה. ב.